

הוצאת ספריו וכתביו הק'
ומפעלים להפצת תורתו

# משתגעין ומתלהטין ב תורת האור החיים הקדוש

## פרשת בהעלותך

## מוסר חיים לקח מהפרשה במשנת רבינו

בשמי"ם ראש – לזכות ידידנו הרה"ח רבי יהודה בן שרה מרים הי"ו וב"ב

### ווי הארב עס איז מזלזל צו זיין אין צדיקים עובדי ה'

סוף פרשה דערציילט די תורה אז מרים און אהרן האבן גערעדט אויף משה רבינו, און השי"ת האט שטארק מקפיד געווען אויף דעם און מרים איז געשלאגן געווארן מיט צרעת.

איז דער אור החיים הקדוש מדייק אז אין פסוק שטייט "**וַיִּשְׁמַע ה'**" אז דער אויבערשטער האט געהערט וואס זיי האבן גערעדט. לכאורה איז דאך פשוט אז דער אויבערשטער האט דאס געהערט פארוואס דארף עס שטיין?

נאר די תורה וויל מדגיש זיין אז דער אויבערשטער האט עס געהערט **נאר פון זיי** ווען זיי האבן גערעדט, אבער נישט פון משה רבינו, ווייל פאר משה רבינו אליין איז דאס נישט אנגעגאנגען און ער האט זיך בכלל נישט צוטון געמאכט, און אודאי איז ער זיך נישט געגאנגען אפרעדן צום אויבערשטן אז זיי האבן אים בארעדט - אזויווי סתם מענטשן טוען ווען זיי באליידיגן זיך פון איינעם. וועגן דעם פירט אויס דער פסוק: "**וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָו מְאֹד**" אז משה רבינו איז געווען אזא גרויסע ענו אז ס'האט אים ניטאמאל באריר ווען זיי האבן גערעדט אויף אים.

מיט דעם אלעם אבער האט דער אויבערשטער זייער מקפיד געווען פאר'ן רעדן אויף משה רבינו. עד כדי כך, אז די תורה זאגט "**וַיֵּרֶד ה' בְּעַמּוּד עָנָן**" אז דער אויבערשטער "איז אראפגעקומען" צו רעדן מיט אהרן און מרים. פארוואס האט ער נישט גערעדט פון אויבן אזויווי א געווענליכע נבואה? **ווייל דער אויבערשטער האט געוואלט מפרסם זיין אז ער איז געקומען שטראפן די וואס האבן זיך געטרויעט צו רעדן קעגן זיין געטרייען נביא!** ווייל ווען אלע אידן וועלן פלוצלינג זען ווי דער וואלקן באווייזט זיך ביים אריינגאנג צום אוהל מועד וועלן זיי זיך וואונדערן; "וואס איז געשען?" און אזוי וועט ווערן א פרסום אז דער אויבערשטער איז זיך געקומען אננעמען פאר משה רבינו'ס כבוד.

לייגט צו דער אור החיים הק', אז אויבנאויף איז לכאורה משמע אז משה רבינו האט יא מקפיד געווען אויף זיי, ווייל ס'שטייט דאך אין פסוק אז אהרן האט געבעטן פון משה: "**אַל נָא תָשֵׁת עָלֵינוּ חַטָּאת**" ער זאל נישט ארויפלייגן אויף זיי א זינד, איז דאך משמע אז ער האט זיי יא באשולדיגט? אבער דער אמת איז, אז אהרן האט דאס נאר געזאגט ווייל ער האט געמיינט אז משה רבינו איז מקפיד אויף זיי, וועגן דעם האט ער אים געבעטן ער זאל זיי מוחל זיין אז זייער זינד זאל פארגעבן ווערן.

אבער דער אמת איז ווי די תורה אליינס איז מעיד אז משה איז געווען "**עָנָו מְאֹד**" און ס'האט אים ניטאמאל באריר, און אפילו אזוי האט דער אויבערשטער דאס נישט געוואלט פארשווייגן. און זיין טענה איז געווען ווי דער פסוק זאגט: "**וּמַדּוּעַ לֹא יְרֵאתֶם לְדַבֵּר בְּעַבְדִּי**" - וויאזוי ציטערט עטס נישט צו רעדן קעגן "מיין קנעכט"?! פשט איז אזויווי חז"ל זאגן "עבד מלך מלך" **אז א קנעכט פונעם קעניג איז פונקט ווי דער קעניג אליין!** און א מלך קען נישט מוחל זיין אויף זיין כבוד, ממילא איז זייער הארב דער שטראף פארן פוגע זיין אין משה רבינו'ס כבוד "**וואס ער איז אַן עבד פונעם מלך מלכי המלכים**"!

וועגן דעם איז טראצדעם וואס משה רבינו האט מתפלל געווען צום אויבערשטן אויסצוהיילן מרים האט דאס נישט תיכף געהאלפן נאר נאך זיבן טעג, אפילו אז משה רבינו אליין האט גארנישט מקפיד געווען. און ס'קען גאנץ מעגליך זיין אז אויב משה רבינו אליין וואלט יא מקפיד געווען, וואלט זייער עונש געווען אסאך אסאך הארבער!

מיט דעם וויל אונז די תורה ווייזן ווי ווייט מ'דארף זיך אכטונג געבן נישט פוגע צו זיין אין די כבוד פון א צדיק אן עבד ה', אפילו אז דער צדיק אליין איז גארנישט מקפיד אויף דעם!

## פניני חיים

פנינים מובחרים מעובדים ומתומצתים על פי דברי רבינו

בש"ם בצלאל

לע"נ הרה"ח רבי משה שמואל ב"ר בצלאל ז"ל

### קורצע געדאנקען באארבעט על פי דברי רבינו

**וַיַּעַשׂ כֵּן אַהֲרֹן אֶל מוּל פְּנֵי הַמְּנוֹרָה הֶעֱלָה נֵרֹתֶיהָ כַּאֲשֶׁר צִוָּה ה' אֶת מֹשֶׁה.** (ח, ג)

אויב די תורה זאגט שוין "**וַיַּעַשׂ כֵּן אַהֲרֹן**" אז אהרן האט געטון אזויווי דער אויבערשטער האט אים געהייסן, פארוואס דארף נאכאמאל שטיין "**כַּאֲשֶׁר צִוָּה ה' אֶת מֹשֶׁה**"?

נאר "**וַיַּעַשׂ כֵּן אַהֲרֹן**" איז איין שבח; אז אהרן האט מקיים די מצוה גענוי ווי דער אויבערשטער האט געהייסן. און "**כַּאֲשֶׁר צִוָּה ה' אֶת מֹשֶׁה**" איז א באזונדערע שבח; אז ער האט קיין רגע נישט געטראכט אויף זיין גרויסקייט אז ער איז דער גליקליכער פון גאנץ כלל ישראל צו קענען מקיים זיין אזא געוואלדיגע מצוה, נאר ער האט עס געטון בלויז צו מקיים זיין מצות ה'. אזויווי דוד המלך זאגט אין תהלים: "**לַעֲשׂוֹת רְצוֹנְךָ אֱלֹקַי חָפָצְתִּי**" אז זיין איינציגער באגער איז נאר צו טון דעם רצון ה'.

**וְיֵשׁ אֲשֶׁר יִהְיֶה הֶעָנָן מֵעֶרֶב עַד בֹּקֶר וְנַעֲלָה הֶעָנָן בַּבֹּקֶר וְנָסָעוּ אוֹ יוֹמָם וָלַיְלָה וְנַעֲלָה הֶעָנָן וְנָסָעוּ. אוֹ יֹמַיִם אוֹ חֹדֶשׁ אוֹ יָמִים בְּהַאֲרִיךְ הֶעָנָן עַל הַמִּשְׁכָּן לִשְׁכֹּן עָלָיו יַחֲנוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל וְלֹא יִסָּעוּ וּבְהֵעָלֹתוֹ יִסָּעוּ.** (ט, כא-כב)

די רואונגען פון כלל ישראל אין מדבר זענען נישט געווען אין קיין באשטימטע צייטן, וואס דאס ווייזט אז דאס איז נישט געווען געאייגענט בלויז זיך אפצורוען און שעפן כוחות פון איין נסיעה צום צווייטן. ווייל צומאל האט מען געדארפט ווארטן א קיילעכיג יאר צווישן איין פלאץ מיט'ן צווייטן, און צומאל האט מען זיך באלד אויפצומארגנס געהויבן פונעם פלאץ.

נאר דער אמת'ער טעם ווערט געברענגט פון די מקובלים, אז ביי די מסעות האבן די אידן מברר געווען די ניצוצי הקדושה וואס זענען געפאנגען געווארן אין די סטרא אחרא וואס געפונען זיך אינעם וויסטן מדבר. און נאר דער אויבערשטער - דער יודע נסתרות - קען אויסרעכענען פונקטליך וויפיל צייט זיי דארפן זיך אויפהאלטן ביז זיי ענדיגן צוזאמקליבן אויף יענעם פלאץ אלע ניצוצי הקדושה, אזוי אויך אויף וועלכע פלאץ זיי מוזן זיך אפשטעלן ווייל דאס עצם דורכפארן דארט איז נישט גענוג צוזאמצוקליבן די ניצוצי הקדושה. וועגן דעם האט דער אויבערשטער אליין געוויזן געניי **וואו** זיך אפצורוען, און **וויפיל צייט** זיך אפצורוען אויף יעדן ארט.

## הלכה ודרוש

### גדול שאינו יכול להתפרנס הוא בגדר קטן

**הֶאָנֹכִי הָרִיתִי** וְגוֹ'. אֵלֶּה אֲנָשִׁים גְּדוֹלִים הֵמָּה, לְמַעְלָה מִזְּמַן הַקָּצוּב, וְלָמָּה אַתָּה אוֹמֵר אֵלַי "שָׂאֵהוּ בְחֵיקֶךָ", לְאָדָם גָּדוֹל בְּשָׁנִים, לוּ יִהְיֶה שֶׁהֵם בָּנַי, הֲרֵינִי פָּטוּר מֵהֶם. וְעוֹד חוֹזֵר וְטוֹעֵן, לוּ יִהְיֶה שֶׁיִּדּוֹן בָּהֶם דִּין קָטָן, לְצַד שֶׁהֵם מְשֻׁלָּלִים בְּהַשָּׂגַת הַמָּזוֹן וְדִינָם כְּקָטָן, אַף עַל פִּי כֵן, לֹא מִתְחַיֵּב לַעֲשׂוֹת מַה שֶּׁשּׁוֹאֲלִים מִמֶּנִּי לָתֵת לָהֶם בָּשָׂר. וְהוּא אוֹמְרוֹ "מֵאַיִן לִי בָּשָׂר", פֵּרוּשׁ, בִּשְׁלָמָא אִם הָיוּ שׁוֹאֲלִין מָזוֹן הַצָּרִיךְ, יִתְחַיֵּב מִדִּין אָב, אֲבָל הֵם שׁוֹאֲלִין מוֹתָרוֹת, וְעוֹד, הֲגַם שֶׁהֵם מוֹתָרוֹת, אִם הָיָה לוֹ, עַל הָאָב לְשַׁעְשֵׁעַ בְּנוֹ כְּפִי יְכָלְתּוֹ, אֲבָל, "מֵאַיִן לִי" (יא יב).

רבינו מבאר טענת מרע"ה, שאינו חייב לישא במשא העם כל כך, ואף שהוא מתרצה להתחייב במה שחייב האב לבן, אעפ"כ הרי אלה אנשים גדולים, שהמה למעלה מזמן הקצוב שחייב האב לישא עול הבן מדברי סופרים. ועוד חזר וטען, שאפילו אם נדונם כדין קטן - מאחר שאינם יכולים להשיג המזון, אף על פי כן, אינו חייב רק ליתן מזון ההכרחי אבל לא בשר שהוא בגדר מותרות.

בספר **שבעה שבועות** (ח"א עמ' 24 אות קג) כתב סמך לחידושו של רבינו, שיש לדון דין קטן במי שאינו יכול להשיג המזון, מדברי הגמרא במסכת בבא בתרא (יב, ב): אמר רבי אבדימי דמן חיפה, קודם שיאכל אדם וישתה, יש לו שתי לבבות [פרש"י, אין דעתו שלימה], לאחר שאוכל ושותה אין לו אלא לב אחד [שדעתו שלימה] שנאמר, "איש נבוב ילבב" [כלומר, אדם שהוא חלול, שאין כריסו מלאה, ילבב, יש לו כעין שתי לבבות], ע"כ. ונמצא שמי שאין לו כדי צרכו לאכילה ושתיה, אין **דעתו** שלימה, והרי הוא **כקטן שאין לו דעת**.

וראה ב**שולחן ערוך** (יו"ד סימן רנא ס"ד): מחייבין האב לזון בנו עני, ואפילו הוא **גדול**, מחייבין אותו יותר משאר עשירים שבעיר, ע"כ.

וב**דרישה** (אבן העזר סימן עא סק"ג), הקשה על דברי הטור שם, שכתב: חייב אדם לזון את בניו ובנותיו עד שהן בני שש. וכתב ר"מ מרוטנבורג, אפילו יש להם נכסים שנפלו להם מבית אבי אמם, חייב לזונם, כיון דתקנת חכמים היא, זכו במזונותיהם אפי' אם יש להם להתפרנס משלהם, ומשש ואילך מצוה לזונם **עד שיהיו גדולים**, ועל זה נאמר "עושה צדקה בכל עת", ואם אינו רוצה אין כופין אותו אבל מפצירים בו וכו'. בד"א, שאינו אמוד לנו בממון ליתן צדקה, אבל אם הוא אמוד שיש לו ממון ליתן צדקה, לוקחין ממנו בעל כרחו משום צדקה וזנין אותן עד שיגדלו, ע"כ.

ומבואר, שאפילו אם יש לו ממון אינו חייב ליתן רק עד שיגדלו, משמע, הא טפי לא. וקשה, מדברי השו"ע ביורה דעה שנתבאר שמחייבין אותו יותר משאר עשירים שבעיר. וכתב הדרישה, דבאמת לא קשה כלל, דודאי אם ידוע שהבן או קרוביו אי אפשר להם להתפרנס ממעשה ידיהם, אזי צריכין להאכילן שלא ימותו ברעב, אלא דעד שיגדלו מסתמא אין להם שום עסק ומשא ומתן, משום הכי כופין אותו שיפרנסם, מה שאין כן, לאחר שיגדלו **יכול האב לפטור עצמו** בטענה שיתפרנסו ממעשה ידיהם או ישאלו על הפתחים, אבל אם **ידוע שאי אפשר להם** להתפרנס בשום צד, אז האב מחויב יותר משאר עשירים, ובכה"ג מיירי ביורה דעה שם.


מתיקות ועריבות טוב התורה



מאות מגידי שיעור והוגי תורת האור החיים הקדוש מעידים:
עם הספר 'כל הכתוב לחיים' הכולל אלפי ביאורים מגדולי הדורות על ספר "אור החיים" הקדוש, מרגישים 'מתיקות ועריבות' בדברי האור החיים הקדוש, ומגלים צפונות ונפלאות בתורתו הקדושה, עד בכדי ש'משתגעין ומתלהטין אחריה'.
להשיג בכל חנויות הספרים, או בקו ה'מורשת' 0733.713.620


## אגדה וחסידות

### גם ה'טבע' שבנר המערבי הוא בדרך 'נס'

**אֶל מוּל פְּנֵי הַמְּנוֹרָה יָאִירוּ שִׁבְעַת הַנֵּרוֹת.** יִרְמֹז בְּז' נֵרוֹת לְאֻמּוֹת הָעוֹלָם שֶׁהֵם ע' אֻמּוֹת, כָּל אֶחָד יִרְמֹז לִכְלָל הָעֲשִׂירִי, וְרָמַז, כִּי כֻלָּן מְאִירִים לְנֹכַח הַמַּעֲרָבִי שֶׁהֵם יִשְׂרָאֵל, שֶׁהֵם בְּחִינַת הַמַּעֲרָב, כַּיָּדוּעַ לְיוֹדְעֵי חֵן.

וְרָמַז גַּם כֵּן, שֶׁכֻּלָּן כָּלִים וְנֵר יִשְׂרָאֵל לֹא יִכְבֶּה. וְתִמְצָא, שֶׁהֶאָרַת הַנֵּרוֹת אֵינוֹ אֶלָּא בַּלַּיְלָה וְהוּא סוֹד הַגָּלוּת שֶׁנִּקְרָא לַיְלָה, מַה שֶּׁאֵין כֵּן, בְּבֹא זְמַן הַיְשׁוּעָה הַמִּתְיַחֵס לָהּ בֹּקֶר, כְּתִיב (ישעיה כא) "אָתָא בֹקֶר" וְגוֹ', יִכְבֶּה נֵר הָאֻמּוֹת וְיִשָּׁאֵר מִכְּלָלוּתָם נֵר יִשְׂרָאֵל שֶׁהוּא הוֹלֵךְ וָאוֹר עַד נְכוֹן הַיּוֹם. גַּם רָמַז, בְּמִצְוַת הַדְלָקַת הַנֵּרוֹת, שֶׁיְּכַוֵּן הַמַּדְלִיק בְּהַדְלָקָתָם שֶׁתִּהְיֶה הֶאָרָתָם לְמוּל פְּנֵי הַמְּנוֹרָה, שֶׁהַכֹּל יִהְיוּ לְצָרְכֵי יִשְׂרָאֵל הַמִּתְיַחֵס לָהֶם שֵׁם פָּנִים, כַּיָּדוּעַ לַמְּבִינִים (ח ב).

בשו"ת **אפרקסתא דעניא** (ח"ד סימן שסה) העיר היטב, דהרי רק ו' נרות פונים אל מול נר המערבי, וכל נר מרמז על עשר אומות, והאיך רמוז שכל השבעים אומות פונים אל הנר המערבי.

ובתחילה רצה להוכיח מכח זה, דגם ישראל **הם בכלל הע' אומות**, [ודלא כדעת הסוברים דע' אומות היינו חוץ מישראל]. אך מסיק שם, דבזה אינו מיושב כלל, דאפילו תימא דישראל בכלל הע' אומות, מ"מ **עדיין קשה**, כיון דהרמז הוא דאחד כולל עשרה. א"כ הששת הקנים רומזים על ששים אומות, ואיך נימא דהשביעי' רומז לישראל לבד, והיכן הם הס' אומות.

ו**בברכת שמעון** הקשה כן, על מה שמסיים רבינו: 'ורמז גם כן, שכולן כלים ונר ישראל לא יכבה'. שהרי רק ששה נרות נכבים, והיכן הרמז שכל הע' אומות כלים. ותירץ יפה, דמחשבים הנר המערבי לשנים, חדא, בכלל השבעה לרמז על ז' אומות, והשנית, במה שכולם פונים אליו אחשביה רמז גם לעצמו, לרמז על ישראל. ועל דרכי רמז אין להקשות, משום דרק מחוי במחוג, ומכל מקום הוא חלק מפרד"ס התורה"ק. וכתב עוד: וחיזוק לרמז זה, מדכתיב "אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות", הכולל של שבעה לעצמו, ופני המנורה לעצמו, אע"פ שכבר נכלל בשבעה, ע"כ.

בספר **שפתי שמואל** (חידושים עה"ת, לזקני הגה"צ רבי שמואל אלכסנדר אונסדורפר זצ"ל), ביאר לנכון הפלא ופלא דברי רבינו, דהרי בנר המערבי היה נס שדלק תמיד, שלא כשאר הנרות שהיו דולקים רק בדרך הטבע לפי כמות השמן, מערב עד בוקר. ממילא יוצא, דבנר המערבי היו שני חלקים: א. **חלק טבעי**, שהיה בו שמן שהיה דולק כמו בשאר הנרות. ב. **חלק נסיי**, שהיה דולק בנס.

וזה יש לומר בכוונת דברי רבינו, דאומות העולם ג"כ רמוזים בנר המערבי - בחלק הטבעי שלו, ובני ישראל רמוזים בחלק הנסיי שבנר המערבי. וכוונת רבינו דכל השבעים אומות פונים ומאירים - מכוחם ומאורם של כלל ישראל הרמוזים בחלק הנסיי של הנר המערבי.

ומוסיף שם לבאר עפי"ז הענין שכל הנרות פונים אל הנר המערבי, ע"פ הידוע מה**יערות דבש**, שע"י הניסים, ישראל קדושים מתעוררים להאמין ולהכיר שגם הטבע הוא נס, וזהו הענין שכל הנרות שהיו דולקים בדרך הטבע, פונים אל הנר המערבי שהיה דולק בדרך נס.

וכתב לפרש כן גם בכוונת דברי רבינו, שהרמז הוא שכל אומות העולם שהם חושבים **שהכל הוא טבע** ואינם מאמינים בהשי"ת, פונים אל 'נר המערבי', היינו אל כלל ישראל הרמוזים בחלק הנסיי של הנר המערבי וכנ"ל. להורות, שאנו יודעים שגם כל הטבע שבעולם נמשך מאותו כח עליון שהוא למעלה מדרך הטבע, וכנודע **שגם כל הטבע הוא נס**, יעו"ש בדבריו הנפלאים.

[כעין זה ביאר בברכת שמעון, דנר המערבי אף שיש בו סגולה מיוחדת, הוא ג"כ בכלל כל הנרות. ומבאר ג"כ דברי רבינו: 'ורמז גם כן, שכולן כלים ונר ישראל לא יכבה'. הכוונה, שגם הנר המערבי היה נכבה מצד הכח הכללי שבו, שמרמז על אומות העולם, ומה שבפועל אינו נכבה, זה מצד הכח המיוחד שבו, שמרמז על בני ישראל.]

# הנסים ב"נר המערבי" שבמנורת בית המקדש
# והשייכות המופלאה לרבינו "אור החיים הקדוש" הנקרא "נר המערבי"

רבינו הקדוש מביא בפרשתינו [כפי שהבאנו במדור 'כל הכתוב לחיים'] את דברי הגמרא, שהנר האמצעי במנורה נקרא **'נר המערבי'** והיה בו נס שהאיר תמיד ולא כבה לעולם, ורק שאר הנרות היו דולקים רק בלילה וכבים בבוקר. ואז היו מיטיבים את הנרות ומדליקים את כולם מהנר המערבי.

והמטרה בנס זה, ללמדינו שאין הקדוש ברוך הוא צריך לאור, שהרי הוא מאיר את כל העולם כולו. אלא עדות היא לישראל שהשכינה שורה בבית המקדש.

רבינו מוסיף על כך, שלכן כל הנרות האחרים היו פונים באלכסון למול הנר האמצעי, כדי שנבין מזה, שכל סיבת הדלקת המנורה, היה בשביל **להראות חיבת ישראל שהשכינה שורה בבית המקדש**, כפי שמוכיח הנס שהיה בנר המערבי.

ומפרש את הדברים בדרך רמז, ש'נר המערבי' רומז לעם ישראל, ו'שבעת הנרות' רומזים לשבעים אומות העולם, וכל נר כנגד עשר אומות, והרמז בזה שנר המערבי ידלק גם 'ביום' כשיבוא הגאולה שהיא יום, ואילו כל האומות דולקים רק 'בלילה' שמרמז על הגלות, ולא 'ביום' בזמן הגאולה, שאז הם יכבו לגמרי.

בדרך זה, מפרש רבינו גם הענין שכל הנרות פונים לנר האמצעי, כביכול שכל האומות הרמוזים בשבעת הנרות פונים לישראל הרמוזים בנר האמצעי, כדי ללמדינו, שכל כוח הקיום והשפעות שיש בעולם, הכל מכוח עם ישראל המרומזים בנר המערבי.

וידוע שבשעת הסתלקות רבינו האור החיים הקדוש, **התבטא ואמר בכאב צורב מרן הבעל שם טוב: "כבה נר המערבי"**.

כי יש מכנה משותף בין רבינו לבין הנר המערבי בבית המקדש, כי גם רבינו הקדוש היה כולו נס והרבה ניסים ונפלאות אירעו לו, ובזכותו הגדולה גם לאחרים הן בדורו והן לדורות הבאים. ולפי שרבינו הקדוש ותורתו הם עדות נאמנה על שהשראת השכינה הקדושה לא פסקה מישראל.

עד כדי כך, שכל נרות-נשמות ישראל בכל הדורות, פונים אל תורתו וציונו הקדוש, כדי לקבל השפעות מכוחו של צדיק.

**כפי שהגדיר זאת הגאון בעל "בית אפרים" בהסכמתו לספר 'פרי תואר', וזה לשונו:_**"בחמלת ה' עלינו, בדור שלפנינו, האיר עינינו, וממרום שלח איש עיר וקדיש, איש אלוקים קדוש נורא מאד, הגאון האמיתי **בוצינא קדישא** חסידא ופרישא, מורנו הרב רבי **חיים בן עטר** זכרונו לברכה, הוא היה אבי כל תופשי התורה בארצות המערב, וידעו כל ישראל מקטנים ועד גדולים. **עדות הוא לכל באי עולם שהשכינה שורה בישראל**, **זה "נר מערבי"**. הנמצא כזה איש אשר בו רוח חיים, וחל עלינו חובה להכיר בטובה אשר **היטיב ה' עמנו**, וברוב חסדיו הגדיל לנו, **להזריח לישרים אור תורתו**, ולקדש עמו ישראל בקדושתו בחצרות ה' **בתוככי ירושלים**, שם ישב בפתח עינים, שם ירעה, ושם רבץ תורה והעמיד תלמידים הרבה גדולי הדורות, לן בעומקה של הלכה ואליו נגלו המון נסתרות, והאציל מן הרוח אשר עליו לתלמידיו, **ויפח באפם נשמת חיים**, ביום ההוא יצאו מים חיים מירושלים".

סמך לדברים נציין בזאת מהספה"ק **נועם אלימלך** (כי-תשא) הכותב בלשון קדשו:

הצדיק נקרא "נר מערבי" כי **מעורב בו כל מיני קדושות**, אהבה ויראה, ורוממות א-ל, תורה ותפילה וצדקה, תשובה וגמילות חסדים וכדומה, ולכן נקרא "נר מערבי" לשון 'מעורב'.

גם "מערבי" הוא לשון 'עריבות ומתיקות', שהצדיק הוא **ערוב ומתוק בכל מיני מתיקות**.

וזה הפירוש "ממנו היה מדליק" הם בני אדם המתחברים עם הצדיק, גם הם מדליקים נרותיהם - הם נשמתם באהבה ויראה להבורא ברוך הוא.

"וממנו היה מטיב", פירוש, על ידי הצדיק **מטיב השם יתברך** ברוך הוא לעולם כל מיני השפעות.



# אן "עבד ה'" וואס דינט דעם אויבערשטן מיט א זעלטענע ליבשאפט!

אינעם פריערדיגן גליון האבן מיר אראפגעברענגט די ווערטער פונעם אור החיים הק' אין פרשת ואתחנן אויפן פסוק "**וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ**" וואו דער רבי ברענגט ארויס; **אז אריינטראכטנדיג אין די געוואלדיגע זכיה אז דער אויבערשטער האט אונז געגעבן זיינע מצוות, ווערט דאס הארץ נתעורר מיט א געוואלדיגע ליבשאפט צום אויבערשטן ביז אלע גשמיות'דיגע תאוות לאזן זיך אויס קעגן דעם!**

ווען הרה"ק ר' **משה קאברינער** זי"ע האט געלערנט דעם שטיקל אור החיים הק' איז ער געווארן מורא'דיג צופלאמט, און זיך אנכאפנדיג דעם קאפ מיטביידע הענט האט ער אויסגעשריגן מיט א געוואלדיגע התפעלות: "**קוקטס ווי ווייט א ילוד אשה קען משיג זיין אין אהבת ה'!**"

אזוי אויך הרה"ק ר' **אברהם אלימלך מקארלין** זי"ע האט גערעדט מיט א מורא'דיגע התפעלות איבער דעם שטיקל אור החיים הק' אין וועלכע ער ברענגט ארויס זיין געוואלדיגע תשוקה און אהבה צום איינציגן באשעפער, באוואונדערנדיג ווי דער אור החיים הק' ברענגט ארויס די זעלטענע מדריגה אין אהבת ה' טראצדעם וואס ער האט אין יענע יארן געליטן פון שרעקליכע דחקות האבנדיג קוים אויף צום לעבן, און אונטער אזא בלוטיגע ארעמקייט האט ער ארויסגעגעבן זיין זעלטענע ליבשאפט צום אויבערשטן אויסגייענדיג ביז "כלות הנפש" נאר פאר אהבת הבורא יתברך!

האט הרה"ק ר' **אברהם אלימלך** זי"ע אויסגעפירט, אז מ'מוז זאגן אז דער אור החיים הק' האט באמת געשפירט אזא זיסקייט פון אהבת ה' ביז דאס האט טאקע צונישט געמאכט אין זיינע אויגן אלע אנדערע באדערפענישן, און ער האט באמת געשפירט אז ס'פעלט אים נישט גארנישט אויף דער וועלט נאך וואס ער איז זוכה צו שפירן דעם אמת'ן קרבת אלקים וואס אלעס ווערט צוגאנגען קעגן דעם!!!

אנפאנג פרשת ראה איז דער אור החיים הק' מפרש דעם פסוק: "**רְאֵה אָנֹכִי נוֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה אֶת הַבְּרָכָה אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ**" אז משה רבינו זאגט פאר כלל ישראל "**רְאֵה אָנֹכִי**" - קוק אויף מיר! **איך** בין דער וואס לייגט דא פאר די צוויי ברירות פון ברכה און פון קללה, און **מיר** קענען ענק געטרויען אז איך ווייס וואס איך שלאג ענק פאר.

איז דער רבי מסביר; ווייל איינער וואס האט קיינמאל נישט זוכה געווען צו שפירן די אמת'ע זיסקייט פון עולם הבא, וויאזוי קען מען אים געטרויען אז דאס איז באמת גוט?! ער האט דאך דאס קיימאל נישט געפילט?! אזוי אויך איינער וואס האט קיינמאל נישט געשפירט א געשמאק פון עולם הזה, ווער וועט אים גלייבן ווען ער קומט דאס ממאס זיין אז דאס איז נישט גוט?! פון וואו ווייסט ער דען אז דאס איז באמת נישט גוט, ער האט דאך דאס קיינמאל נישט געשפירט?!

אבער משה רבינו אליין האט דאך זוכה געווען סיי צו א געוואלדיגע השגה אין **רוחניות** וואס קיינער חוץ אים האט נישט זוכה געווען, ער איז דאך געווען אויבן אין הימל פאר גאנצע פערציג טעג אן צו עסן און טרונקען און ער האט געלעבט בלויז פון א **תענוג רוחני** לערנענדיג תורה מפי הגבורה אליין!

דער זעלבער משה רבינו האט אויך זוכה געווען צו א געוואלדיגע **עשירות**, נאכדעם וואס דער אויבערשטער האט אים רייך געמאכט פון די פסולת פון די לוחות וואס איז געווען געמאכט פון גאר א טייערע שטיין. האט דאך משה רבינו אויב אזוי געקענט פון די נאנט ביידע הנאות סיי גשמיות און סיי רוחניות, איז ווען ער קומט זאגן "**אֶת הַבְּרָכָה אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ**" אז די איינציגע אמת'ע ברכה איז נאר צו טון די מצוות ה', קען אים יעדער איינער גלייבן אז ער ווייסט וואס ער רעדט.

ווי פאסיג איז דאס צו זאגן אויפן אור החיים הק' אליין, ווייל ער אליין האט דאך אויך פארזוכט פון ביידע סארט תענוגים, סיי אין די ערשטע יארן ווען ער האט געליטן א ביטערע דחקות און נויט, וואס דעמאלטס האט ער זיך דערהאלטן דאס חיות בלויז פון די איינציגע תענוג פון "קרבת אלקים לי טוב". און סיי אין די שפעטערע יארן ווען ער האט געהאט א גרויסע הרחבה און עשירות, און ער האט געשפירט דעם געפיל פון רייכקייט און הרחבת הדעת. ווער נאך אזויווי אים קען קומען זאגן: "**טייערע אידן! גלייבטס מיר געטריי, ס'איז נישטא נאך אזא אמת'ע זיסקייט ווי עריבות נעימות מתיקות נועם ה' וואס אלע אנדערע גשמיות'דיגע תענוגים ווערן צורינען קעגן דעם!**"

דאס איז טאקע דער הייליגער געפיל וואס דער אור החיים הק' ברענגט ארויס אין זיינע הייליגע דיבורים, אז די גרעסטע זיסקייט און תענוג אויף דער וועלט איז זיך צו דראפען אויף אהבת הבורא ברוך הוא און אויסצוגיין זיך צו האלטן נאנט צום אויבערשטן! **ווייל דאס, און נאר דאס, איז דער אמת'ער תענוג אויף די וועלט!**

און ווי דער אור החיים הק' אליינס ענדיגט צו אין פרשת ואתחנן: "**אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ**"! גליקליך איז דער וואס איז זוכה צו דעם!

אויפן פארלאנג פונעם ציבור, האבן מיר זיך בס"ד לעצטנס שטארק פארברייטערט מיטן דרוקן און מפיץ זיין דעם גליון ברחבי תבל, און מיט דעם ווענדן מיר זיך צו אייך, אזויווי די הוצאות זענען גרויס, און די זכות פון דרוקן און מפיץ זיין האט א געוואלדיגע כח הסגולה כידוע, ביטע נעמט השתתפות אין די מלאכת הקודש מיט'ן מנדב זיין א גליון לזכות אדער לע"נ.

צו באקומען דעם גליון אין אמעריקא, אדער צו געבן אייער נדבה ביטע רופט: 845-533-2998

אדער שיקט אן אימעיל צו: torahsohrhachaim@gmail.com

פאר סיי וועלכע פראגעס בנוגע דעם גליון, קענט איר רופן:

הרה"ח יהודה לייב זארגער שליט"א 917-681-0310 • הרה"ח אברהם ישראל הערשקאוויטש שליט"א 845-537-0839

וזכות רבינו הק' תגן בעדכם לרוב ברכה והצלחה וכל טוב

כל הזכויות שמורות למורשת אור החיים הקדוש הוצאה לאור והפצת מעיינות הקודש בראשות הרה"ג משה שווארץ שליט"א
מען למכתבים סוקולב 9\ב בני ברק ליצירת קשר בקו המורשת 0733.713.620 מייל G077-490-4173@gmail.com